# עולת שבת בשבתו

ת"ת תורה ויראה דרבינו יואל ד'סאטמאר• בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

בעזהשי"ת | שבת חנוכה (ו) | כיתה ח' ט' תשס"ט לפ"ק

## מילי דחסידותא

די גמרא זאגט אין מס' שבת (דף כ"א ע"א) **אמר רב פתילות ושמנים שאמרו חכמים אין מדליקין בהם בשבת**, די קנויטן און אויל וואס די חכמים לאזן נישט צינדן דערמיט אין שבת ווייל עס ברענט נישט גוט, **מדליקין בהם בחנוכה בין בשבת בין בחול**, מעג מען יא צינדן אין חנוכה סיי ווען חנוכה געפאלט אין שבת, סיי ווען חנוכה געפאלט אינדערוואכן.

זאגט דער הייליגער **תפארת שלמה** זי"ע אז עס איז באקאנט אז יעדע וואך ערב שב"ק זענען דא נשמות וואס האבן אן עלי' אויף יענע וועלט, און דורכדעם קומט אראפ די שבת'דיגע נשמה יתירה אויף די וועלט.

מיט דעם איז ער מסביר די ווערטער פון **רב**, שמן איז א רמז אויף די נשמה וואס ווערט אנגערופן שמן, און פתילות איז א רמז אויפן גוף, **פתילות ושמנים שאין מדליקין בהם בשבת**, דאס מיינט אז זיי זענען נישט אנגעצינדן געווארן אין שבת, זיי האבן נישט זוכה געווען אז זיי זאלן נתעלה ווערן, ווייל זיי האבן ליידער געטון עבירות ר"ל, וואס דאס מאכט א פלעק אויף די נשמה, און דאס איז גורם אז די נשמה זאל נישט קענען צוקומען צו איר ריכטיגן ארט אין גן עדן, **מדליקין בהם בחנוכה בין בשבת בין בחול**, דער כח פון שבת חנוכה איז אזוי שטארק אז אפילו די סארט זינדיגע נשמות ווערן נתעלה.

טייטשט ער מיט דעם וואס מ'זאגט אין תהילים **לעושה אורים גדולים כי לעולם חסדו, אורים גדולים** מיינט מען **שבת** און **חנוכה**, ווייל שבת ווערט אנגערופן אור, ווי מ'זאגט אין די זמירות מנוחה ושמחה אור ליהודים, און חנוכה איז דאך דא דער אור הגנוז פון ששת ימי בראשית, די צוויי אורות זענען **כי לעולם חסדו**, דאס איז א חסד פונעם רבש"ע אז די זינדיגע נשמות זאלן נישט אינגאנצן פארלוירן ווערן, אז זיי זאלן אויך קענען צוקומען צו א תיקון.

## דרוש מרביה"ק בעל דברי יואל זי"ע

אין מסכת שבת (דף כ"ב ע"א) ברענגט די גמרא צוויי מימרות פון **רבי תנחום: איינס נר חנוכה שהניחה למעלה מעשרים אמה פסולה** אז אויב מען האט געלייגט די נר חנוכה העכער 20 איילן איז עס פסול. די צווייטע מימרא איז מאי דכתיב והבור רק אין בו מים, מים אין בו אבל נחשים ועקרבים יש בו, דאס וואס עס שטייט ביי יוסף הצדיק אז די ברידער האבן אים אריין געווארפן אין א גריב וואו עס איז נישט דא קיין וואסער, איז געדרינגען אז נאר וואסער איז נישט געווען דארט, אבער שלענג און עקדעסן איז יא געווען דארט. דארף מען פארשטיין דעם שייכות פון די צוויי מימרות.

דער **בה"ג** (בעל הלכות גדולות) רעכנט אויס די מצוה פון נר חנוכה צווישן די תרי"ג מצות. פרעגט דער **רמב"ם** אין ספר המצות ווי אזוי קען זיין אז די תורה זאל זאגן פון פאראויס אז אויב אידן וועלן זינדיגן און די יוונים וועלן קומען און השי"ת וועט זיי העלפן זאל מען מאכן א יו"ט און צינדן חנוכה ליכט.

ענטפערט דער **רמב"ן** אז ווען דעם האלט דער **בה"ג** אז נר חנוכה איז א דאורייתא, ווייל איך דרש'ן א קל וחומר, מה דאך ווען די אידן זענען באפרייט געווארן משיעבוד לגאולה ביי יציאת מצרים האבן זיי געזאגט שירה, איז דאך א כל שכן אז ממות לחיים דארף מען זיכער זאגן שירה. און וויבאלד א קל וחומר איז א דרוש מן התורה איז די מצוה פון חנוכה אויך מן התורה.

## מעשׂה רב

### לייכט אין אלע עולמות

דער חידושי הרי"ם זי"ע האט אמאל דערציילט.

אין איינע פון די חנוכה טעג איז אנגעקומען א גרופע חסידים צום הייליגן חוזה מלובלין זי"ע, און זיי זענען אריינגעגאנגען מיט קוויטלעך צום רבי'ן.

ווען איינער פון די חסידים איז אריינגעגאנגען מיט א קוויטל וואס איינער פון זיינע ידידים האט אים מיטגעגעבן, האט דער חוזה גענומען דאס קוויטל, ער האט אריינגעקוקט דערין און א שפיי געטון אויף דער ערד. דער חסיד איז אוועקגעגאנגען און איז שפעטער צוריק געקומען, און ווידעראמאל געגעבן דאס קוויטל, דער חוזה האט אריינגעקוקט און זיך אנגערופן:

"דער מענטש לייכט אין אלע וועלטן"

דערנאך האט דער חוזה געזאגט "ווען איך האב אריינגעקוקט צום ערשטן מאל אינעם קוויטל, האט דער מענטש געשפילט קארטן, אבער יעצט האלט ער אינמיטן צינדן חנוכה לעכט דעריבער לייכט ער אין אלע עולמות.

*

### רמזים ופרפראות על מקץ-חנוכה

בכל פרשיות התורה מנאה המסורה פסוקי הסדרה, ובפי' מקץ נמנו גם התיבות (ונדפסו בסוף הסדרה) והם **אלפים כ"ה**, יש לרמז להיות קביעות ימי חנוכה הם בפרשה זו, ומתחילין **בכ"ה** לחודש כסלו, ומדליקין **ח'** ימים **וח'** פעמים **נר** הוי אלפים. (בני יששכר בשם הרה"ק מהרצ"א מזידטשוב זי"ע)

פרעגט דער **רבי בעל דברי יואל זי"ע** אז דער קל וחומר שטימט דאך נישט, ווייל דער **טורי זהב** ברענגט פונעם "**לבוש**" דעם טעם פארוואס אום חנוכה האבן די חכמים באשטימט נאר **להודות ולהלל**, און אום פורים האבן זיי באשטימט צו מאכן **משתה ושמחה**, ווייל אום פורים האט המן געוואלט אומברענגן די גופים פון אידישע קינדער להשמיד ולהרוג ח"ו וועגן דעם מאכט מען א סעודה וואס דער גוף האט אויך הנאה, אבער אום חנוכה האבן די רשעים נאר געוואלט אויסרייסן די תורה פון אידן "**להשכיחם תורתיך**" מאכט מען נאר א זכר מיט לויבן השי"ת. לויט דעם קומט דאך אויס אז אום חנוכה איז אויך נישט געווען א הצלה ממות לחיים איז דאך דאס נישט קיין גוטער קל וחומר.

ענטפערט דער **רבי זי"ע** אז די גמרא זאגט **גדול המחטיאו יותר מן ההורגו**, עס איז ערגער ווען איינער מאכט זינדיגן א צווייטן ווי ער הרג'עט יענעם, ווייל אויב ער הרג'עט יענעם פארלירט יענער נאר די וועלט אבער אז איינער מאכט יענעם זינדיגן פארלירט יענער ביידע וועלטן ח"ו, במילא איז שוין יא א גוטער קל וחומר, מה דאך ווען מ'איז באפרייט געווארן משיעבוד לגאולה זאגט מען שירה כל שכן ווען מ'איז באפרייט פון די רשעים וואס האבן אונז געוואלט מאכן פארלירן ביידע וועלטן איז זיכער אז מען דארף לויבן השי"ת.

אין פרשת וישב ביי די מעשה פון יוסף הצדיק שטייט וישמע ראובן ויצילהו מידם, פרעגן די **מפרשים** וואס פאר א הצלה איז דאס, ער האט אים דאך אריין געווארפן אין א גרוב פון נחשים ועקרבים וואו ער וועט גע'הרג'ט ווערן. אבער לויט די פריערדיגע הקדמה קען זיין, אז ראובן האט געקלערט אז אויב יוסף וועט אנקומען קיין מצרים וואו עס זענען געווען גרויסע נסיונות און עס איז כמעט נישט מעגליך געווען בדרך הטבע צו בלייבן דארט ערליך, ווי די תורה זאגט טאקע די לויב אויף יוסף הצדיק אז ער איז געבליבן ערליך חוץ לדרך הטבע, איז שוין בעסער אז יוסף זאל ח"ו גע'הרג'ט ווערן ווי איידער ער זאל דארט זינדיגן, במילא הייסט דאס אריין ווארפן אין א גרוב פון נחשים ועקרבים יא אן הצלה.

**תוספות** פרעגט פארוואס זאגט רבי תנחום **נר חנוכה שהניחה למעלה מעשרים אמה פסולה**, די גמרא פרעגט דאך אין מסכת סוכה פארוואס ביי א סוכה וואס איז העכער צוואנציג איילן שטייט פסולה און ביי עירוב וואס איז העכער צוואנציג איילן שטייט ימעט, אז ער זאל עס מאכן קלענער. ענטפערט דארט די גמרא אז ביי א מצוה דאורייתא זאגט נישט די משנה ימעט נאר פסולה. אויב אזוי איז דאך שווער, מצות נר חנוכה איז דאך אויך נאר א דרבנן און פארוואס שטייט פסולה. אבער לויט דעם **בה**"ג אז מצות נר חנוכה איז יא א דאורייתא איז שוין זייער גוט פארוואס עס שטייט פסולה נישט ימעט. און עס קען טאקע זיין אז פון דעם לשון פסולה האט דער **בה**"ג פארשטאנען אז מצות נר חנוכה איז דאורייתא.

לויט דעם איז שוין זייער גוט דער המשך פון די צוויי מימרות פון רבי תנחום, **נר חנוכה שהניחה למעלה מעשרים אמה פסולה**, איי איז דאך שווער פארוואס עס שטייט **פסולה**, מוז מען ענטפערן אזוי ווי דער **בה**"ג אז נר חנוכה איז מה"ת, אבער לויט דעם וועט דאך שווער ווערן די קשיא פונעם **רמב"ם**, ווי אזוי איז דען מעגליך אז מצות נר חנוכה איז א דאורייתא, עס איז דאך געווען נאך מתן תורה? מוז מען זאגן אזוי ווי דער **רמב"ן** ענטפערט אז עס איז וועגן דעם קל וחומר מה דאך משיעבוד לגאולה זאגט מען שירה כל שכן ממות לחיים, איי איז דאך שווער דער **לבוש** זאגט דאך אז זיי האבן נאר געוואלט **להשכיחם תורתיך**, וועגן דעם ברענגט טאקע די גמרא תיכף נאך א מימרא פון רבי תנחום "**והבור רק אין בו מים אבל נחשים ועקרבים יש בו**", איז שווער פארוואס האט ראובן געהייסן מען זאל אים אריין ווארפן אין דעם גרוב ער וועט דאך דארט גע'הרג'ט ווערן, מוז מען זאגן ווייל **גדול המחטיאו יותר מן ההורגו**, און אין אזא פאל איז הרג'נען אויך אן הצלה. איז שוין יא גוט דער ק"ו אויף נר חנוכה ממות לחיים לא כ"ש, און עס איז יא דאורייתא, און וועגן דעם שטייט פסולה.

## דרוש מרביה"ק בעל ברך משה זי"ע

ס'שטייט אין מדרש **הדודאים נתנו ריח זה ראובן שהציל את יוסף ועל פתחינו כל מגדים זה נר חנוכה**, דארף מען פארשטיין די שייכות וואס ראובן האט מציל געווען יוסף מיט די יום טוב חנוכה.

דער **בית יוסף** פרעגט פארוואס מאכט מען חנוכה אכט טעג, עס איז דאך געווען אויל פאר איין נאכט, און דער נס איז געווען אז די איבריגע זיבן נעכט האט מען אויך געקענט דערמיט צינדן, קומט אויס אז די ערשטע טאג איז נישט געווען קיין נס? ענטפערט דער **טורי זהב** אז די נס איז געווען אז די ערשטע נאכט האט נישט אויסגעברענט די גאנצע אויל, כדי עס זאל זיין אביסל אויל אין וואס די ברכה זאל קענען אריינקומען, ווייל דער אויבערשטער שיקט נישט אריין א ברכה נאר אויב עס איז נאך דא אביסל.

פרעגט דער **אפיקי יהודה** אויפן **טורי זהב** אז דאס וואס עס שטייט אז א ברכה קומט נישט אריין נאר אויב עס איז

ימי חנוכה המה תמיד בזו הפרשה של מקץ. וי"ל שכן **מקץ** עולה **חנוכה כ"ה כסלו**, וכל אלו התבות **ויהי מקץ שנתים ימים** גימ' ח' פעמים **יום חנוכה** עם הכולל, וכן המד"ר של התחלת פרשה זו הוא בפרשה פ"ט, שהוא כמנין **חנוכ"ה**, דוק ותשכח. וכן פרשת הנשיאים שקורין **בחנוכה**, יש בה פ"ט פסוקים כמנין חנוכה, וזולתה אין בכל התורה פרשה של פ"ט פסוקים. (אורה ושמחה)

*

בפרשת מקץ כתוב "**וחמש את ארץ מצרים**", חמש נוטריקון: **ח**ודש **מ**ילה **ש**בת את שלוש המצוות האלו רצו היוונים לבטל.

*

סוף פ' אמור כתבתי ששמעתי בקצת אותיות א"ב רמז לחנוכה, ועתה ראיתי בעטרת זקנים סי' תרע"א מעין דוגמא בסגנון אחר וידוע דהכל באותיות א"ב וממ"ש בפני דוד וממ"ש בעטו עלה על לבי בתוס' נופך לרמוז בכל אותיות א"ב באופן זה ומיני והיניהו יתקלס עילאה, אותיות **א ב ג ד ה ו ז ח**, גימ' ל"ו כמספר נרות חנוכה, **ט'** רמז למצוה ט' טפחים למטה מעשר **י כ ל מ נ ס ע פ**, ר"ת **י**ו"ד **כ**שר **ל**מעלה **מ**עשרים **נ**ר **ס**וכה **ע**ירוב **פ**סול, **צ ק ר ש ת**, ר"ת **צ**ורך **ק**דושה **ר**אוי **ש**מש **ת**וסיף, א"נ **צ**דיקים **ק**דושים **ר**צחו **ש**ונאי **ת**ורה: ואני הדל קבלתי רמז נאה בפ' **זאת חנוכת המזבח ביום המשח אותו מאת נשיאי ישראל**, ועתה ראיתי שנכתב בעטרת זקנים, ויען יש שם ט"ס ראיתי לכתבו **ז**רע **א**מונים **ת**יקנו **ח'** **נ**רות **כ**הלכה **ת**כף **ה**פסח **מ**שמאל **ז**מנה **ב**שקיעת **ח**מה **ב**שיעור **י**דוע **ו**לגמור **מ**הלל **ה**מדליק **מ**ברך **ש**תים **ח**וזה **א**חת, **ת**דליק **ו**תוסיף **מ**אורם **א**יסור **ת**שמיש **נ**שים **ש**כנים **י**דליקו **א**ו **י**שתתפו **י**מים **ש**מונה **ר**אוי **א**ותו **ל**זכור.

(פני דוד)

דא אביסל, איז נאר אויב די נס ווערט דורך צדיקים, אבער אויב דער באשעפער אליין מאכט די נס קען יא ווערן אויל אפילו אויב עס בלייבט גארנישט איבער, און דא איז דאך געווען די נס דורכן באשעפער אליין אויב אזוי האט דאך נישט געדארפט איבער בלייבן אויל די ערשטע נאכט, איז צוריק שווער וואס איז געווען די נס די ערשטע נאכט?

ענטפערט דער **רבי בעל ברך משה** זי"ע אז עס שטייט אין **ישמח משה** אז באמת קען א איד נישט טוען אליין א גאנצע מצוה, ווייל אויב דער אויבערשטער העלפט נישט דעם מענטש קען מען גארנישט אנהייבן, און די זעלבע זאך מוז מען האבן סייעתא דשמיא צו ענדיגן די מצוה, קומט אויס אז א איד טוט נאר די מיטעלסטע חלק פון א מצוה, און דאך רעכנט דער אויבערשטער פאר א איד ווי ער וואלט געטוען די גאנצע מצוה, די זעלבע זאך קען מען זאגן דא ביי די נס חנוכה אז אפילו די נס איז געווען דורכן באשעפער, אבער די כהנים האבן דאך אויך געהאט א חלק ווייל די חשמונאים האבן זיך מוסר נפש געווען צוריק צו רייין מאכן די בית המקדש, במילא איז גערעכנט געווארן ווי די גאנצע זאך איז געטוהן געווארן דורך די צדיקים, במילא האט יא געדארפט איבער בלייבן אויל די ערשטע נאכט, ווייל א ברכה וואס קומט דורך צדיקים דארף עפעס איבערבלייבן כדי די ברכה זאל האבן אין וואס אריינצוקומען.

ביי **ראובן** זעהט מען אויך דאס, ווייל ער האט אויך נישט אינגאנצן געראטעוועט יוסף נאר ער האט געהאט א שטיקל חלק וויפיל עס איז געליגן אין זיין האנט, און דאך רופט דאס אן די תורה ויצילהו מידם ווי ער וואלט געטוען די גאנצע זעהט מען דא אז דער אויבערשטער רעכנט ווי די מענטש וואלט געטוען די גאנצע מצוה אפילו אויב מען טוט נאר א חלק.

מיט דעם פארשטייט מען שוין די מדרש, **הדודאים נתנו ריח זה ראובן שהציל את יוסף** אז עס ווערט גערעכנט פאר ראובן ווי ער האט געראטעוועט אינגאנצען דעם יוסף אפילו ער האט געטוען נאר א חלק, און די זעלבע איז געווען **ועל פתחינו כל מגדים זה נר חנוכה** וואס מען צינדט אן גאנצע אכט טעג ווייל די ערשטע נאכט איז אויך געווען די נס אז עס איז איבערגעבליבן, און עס האט געדארפט איבער בלייבן ווייל די נס ווערט גערעכנט ווי עס ווערט געטוען דורך צדיקים ווייל זיי האבן געהאט א חלק אין די נס.

## דרוש מב"ק מרן רבינו שליט"א

דער **לבוש** פרעגט פארוואס פורים האט מען מתקן געווען מ'זאל מאכן א יום טוב פון משתה ושמחה, און חנוכה האט מען מתקן געווען נאר להודות ולהלל?

דער **בית יוסף** פרעגט פארוואס מאכט מען חנוכה אכט טעג, עס איז דאך געווען אויל פאר איין נאכט, און דער נס איז געווען אז די איבריגע זיבן נעכט האט מען אויך געקענט דערמיט צינדן, קומט אויס אז די ערשטע טאג איז נישט געווען קיין נס?

ענטפערט **כ"ק מרן רבינו שליט"א** מיט דעם וואס די גמרא זאגט אז עס קען אריינקומען א ברכה נאר אין א כלי וואס איז נישט געציילט און געמאסטן, אבער אויב די כלי איז יא געציילט קומט אין דעם נישט אריין קיין ברכה, דארף מען פארשטיין ווי אזוי האט געקענט אריינגעקומען די ברכה אין די קריגל אויל, די אויל איז דאך געווען געציילט און געמאסטן עס זאל זיין אויל, וואס קען ברענען איין נאכט?

ענטפערט דער **ישמח משה** (פר' תולדות און פר' וישב) אז דאס וואס די גמרא זאגט אז עס קומט נישט אריין א ברכה אין א כלי וואס איז געמאסטן, איז נאר אויב די ברכה קומט פון די **שם שד"י**, אבער אויב די ברכה קומט די שם **י-ה-ו-ה** דעמאלטס קען אריינקומען א ברכה אפילו אין א כלי וואס איז געמאסטן.

עס שטייט אין **תיקוני זוהר** אז די פיר תפילות פון שבת קודש, מעריב, שחרית, מוסף, מנחה, איז א קעגן די פיר אותיות פונעם **י-ה-ו-ה**, און דורך דעם וואס מ'דאווענט ערליך די תפילות פון שבת קען מען מאכן אז עס זאל לייכטן די פיר אותיות.

דער **אסטראווצער גאון** ז"ל האט אויסגערעכנט אז דאס יאר, וואס עס געווען די נס חנוכה, איז די ערשטע טאג כ"ה כסלו געווען אין שבת קודש.

לפי זה קען מען זאגן אז באמת איז טאקע די ערשטע טאג נישט געווען קיין נס, ווייל עס איז דאך געווען גענוג אויל פארן איין טאג, נאר דאס וואס עס איז אריינגעקומען א ברכה אין די קריגל אפילו דאס איז געווען געציילט און געמאסטן, איז נאר געווען דורך דעם וואס די חשמונאים האבן ערליך מתפלל געווען די פיר תפילות פון שבת אין די ערשטע טאג, דאס האט גורם געווען אז עס זאל לייכטן די שם י-ה-ו-ה, ממילא האט יא געקענט אריינקומען א ברכה אין די קריגל, קומט אויס אז די ערשטע טאג האט גורם געווען אז עס זאל קענען אריינקומען א ברכה, דערפאר צינדן מיר ליכט אויך אין די ערשטע טאג.

פארשטייט מען שוין פארוואס מען האט מתקן געווען חנוכה נאר מיט להודות ולהלל, ווייל די גאנצע נס חנוכה אז די קריגל זאל זיך אנפילן איז נאר געווען דורכדעם וואס די חשמונאים ערליך געדאווענט, לזכר זה האט מען מתקן געווען נאר להודות ולהלל. (ליל ב' דחנוכה תשס"ז)

## טעמים לחנוכה

### הטעם שקוראים הלל שלם בחנוכה

גומרים את ההלל כל שמונת ימי חנוכה ותשעת ימי חג הסוכות ולא בחג המצות, אלא שני ימים הראשונים, ולא בראשי חדשים, לפי שכל שמונת ימי חנוכה יש בכל אחד מהם דבר חדש שהוא נר אחד יותר, ושמונת ימי חג הסוכות חלוקין בקרבנותיהם, כי היו מקריבים בכל ימי החג שבעים פרים, ויום ראשון היה י"ד פרים, ויום שני י"ג וכל יום מתמעטין והולכין, ולכך גומרים בהם את ההלל שחשוב כל יום ויום מימי חנוכה וחג הסוכות כיום טוב בפני עצמו, כיון שחלוק בנרותיו ובקרבנותיו, אבל בחג המצות כל ז' ימים ובראשי חדשים – אין בהם חילוק בקרבנותיהם אלא כולם שוים, ולכן אין גומרים בהם את ההלל (אבודרהם)

### טעם שאוכלין גבינה בחנוכה

שעל ידי אשה אירע להם הנס הגדול ההוא ושמה יהודית, כמו שכתוב באגדה, בת היתה ליוחנן כהן גדול והיתה יפת תואר מאוד, ואמר מלך יון שתשכב עמו, והאכילתו תבשיל של גבינה כדי שיצמא וישתה לרוב וישתכר וישכב וירדם, ויהי לה כן וישכב וירדם. ותקח חרבו ותחכה ראשו ותביאהו לירושלים, וכראות החיילים כי מת גיבורם, וינוסו. ועל כן נהגו לעשות תבשיל של גבינה בחנוכה (כל בו, סימן מ"ג)

# סוגיא דכבתה

די גמרא זאגט אין מס׳ שבת (דף כ״א ע״א) **אמר רב הונא פתילות ושמנים שאמרו חכמים אין מדליקין בהן בשבת**, די קנויטן און אויל וואס די חכמים לאזן נישט צינדן דערמיט אין שבת ווייל עס ברענט נישט גוט **אין מדליקין בהן בחנוכה בין בשבת בין בחול**, טאר מען נישט צינדן דערמיט אין חנוכה סיי ווען חנוכה געפאלט אין שבת סיי ווען חנוכה געפאלו אינדערוואכן.

**אמר רבא מאי טעמא דרב הונא**, פארוואס האלט רב הונא אז מען טאר נישט צינדן חנוכה מיט די פתילות ושמנים וואס ברענט נישט גוט, ווייל ער האלט **כבתה זקוק לה**, אויב די לעכט האט זיך אויסגעלאשן איז ער מחויב דאס אנצוצינדן, ממילא דארף ער זעהן אז די קנויטן זאלן גוט ברענען, ווייל אויב ס׳וועט זיך אויסלעשן האב איך מורא אז ער וועט פושע זיין און נישט צוריק אנצינדן **ומותר להשתמש לאורה** און מ׳מעג הנאה האבן פון איר לעכטיגקייט, דעריבער טאר ער נישט נוצן די קנויטן שבת, ווייל אז ער איז צוגעוואוינט זיך צו באנוצן מיט די ליכטיגקייט פון נר חנוכה וועט ער קומען בייגן די קנויטן כדי זי זאל שענער ברענען.

**ורב חסדא אמר מדליקין בהן בחול אבל לא בשבת**, אינדערוואכן מעג מען יא צינדן דערמיט אבער נישט אום שבת, **קסבר כבתה אין זקוק לה** אויב ס׳האט זיך אויסגעלאשן דארף ער עס נישט אנצינדן, דעריבער מעג ער צינדן דערמיט אינדערוואכן **ומותר להשתמש לאורה** מילא האב איך מורא שמא יטה את הפתילה אין שבת.

**א״ר זירא אמר רב מתנה ואמרי לה א״ר זירא אמר רב פתילות ושמנים שאמרו חכמים אין מדליקין בהן בשבת מדליקין בהן בחנוכה בין בחול בין בשבת, א״ר ירמיה מאי טעמא דרב קסבר כבתה אין זקוק לה** וועגן דעם מעג מען צינדן דערמיט אינדערוואכן, ווייל ער מוז דאס נישט אנצינדן אויב ס׳לעשט זיך אויס **ואסור להשתמש לאורה** וועגן דעם מעג מען צינדן דערמיט אום שבת, ווייל כ׳האב שוין נישט מורא שמא יטה את הפתילה.

**אמרוה רבנן קמיה דאביי משמיה דרבי ירמיה ולא קיבלה**, ווען מ׳האט נאכגעזאגט די הלכה פאר אביי אין נאמען פון ר׳ ירמי׳ האט ער דאס נישט אנגענומען, **כי אתא רבין אמרוה רבנן קמיה דאביי משמיה דרבי יוחנן וקיבלה** ווען מען האט דאס נאכגעזאגט אין נאמען פון ר׳ יוחנן האט ער דאס יא אנגענומען, **אמר**, ער האט דעמאלטס געזאגט, **אי זכאי**, ווען איך וואלט זוכה געווען, **גמירתיה לשמעתיה מעיקרא** וואלט איך ווען פריער אנגענומען די הלכה אויך ווען מען האט דאס נאכגעזאגט פון ר׳ ירמי׳, איי ער האט דאך דאס סיווי געלערנט, דאך איז בעסער ווען איך וואלט עס אנגענומען פריער ווייל גירסא דינקותא איז זייער א גוטע זאך.

* * *

**פרעגן אלע מפרשים אויף די גמ׳ פארוואס ווען מען האט דאס נאכגעזאגט אין נאמען פון ר׳ ירמי׳ האט דאס אביי נישט אנגענומען און אין נאמען פון ר׳ יוחנן האט ער דאס יא אנגענומען, וכי משוא פנים יש בדבר?**

# תירוץ על הקושיא מרביה״ק בעל דברי יואל זי״ע

די גמרא אין סוגיא דכבתה זאגט אז ווען מ׳האט נאכגעזאגט פאר אביי אין נאמען פון ר׳ ירמי׳ די הלכה פון כבתה אין זקוק לה, האט ער דאס נישט אנגענומען, אבער ווען מען האט דאס נאכגעזאגט אין נאמען פון יוחנן האט ער דאס יא אנגענומען.

פרעגן אלע מפרשים אויף די גמ׳ פארוואס ווען מען האט דאס נאכגעזאגט אין נאמען פון ר׳ ירמי׳ האט דאס אביי נישט אנגענומען און אין נאמען פון ר׳ יוחנן האט ער דאס יא אנגענומען, וכי משוא פנים יש בדבר?

ענטפערט דער **רבי בעל דברי יואל זי״ע** א שיינעם תירוץ, אז טאקע נאר פון רבי יוחנן האט ער געקענט מקבל זיין די הלכה, ווייל לכאורה דארף מען פארשטיין וואס איז די סברא פון כבתה אין זקוק לה, אויב עס איז א מצוה אנצוצינדן, פארוואס זאל דאס טאקע נישט ברענען די גאנצע צייט.

נאר דער בית יוסף פרעגט לכאורה פארוואס מאכט מען אכט טאג חנוכה, די נס איז נאר געווען זיבן טאג, ענטפערט ער אז מ׳האט צוטיילט דאס ביסל אויל אויף אכט חלקים, ממילא איז יעדן טאג געווען א חלק פונעם נס.

קומט דאך אויס אז אויך די חשמונאים אין יענע צייט האבן נישט מקפיד געווען אז ס׳זאל זיין דער גאנצער שיעור, וועגן דעם אויב האט עס נישט געברענט דעם גאנצן שיעור, זענען מיר אויך נישט מקפיד עס אנצוצינדן, וועגן דעם איז די הלכה כבתה אין זקוק לה.

אביי האט דאס אבער נישט געוואלט אננעמען, ווייל ס׳איז אים שווער געווען א קשיא אז מיר לערנען דאך תן לה כדי מידתה, און אויב מ׳האט נישט געגעבן דעם גאנצן שיעור, האט מען נישט מקיים געווען די מצוה ווייל ווי אזוי האט מען עס געקענט צוטיילן אין אכט חלקים, וועגן דעם ווען אביי האט געהערט די הלכה האט ער דאס נישט געוואלט מקבל זיין.

אבער ווען ער האט דאס געהערט אין נאמען פון רבי יוחנן, וואס לערנט דאך חצי שיעור איז אסור מה״ת, ממילא לויט אים איז דאך דער איסור פון וויניגער ווי א שיעור פונקט ווי די גאנצע, איז דאך די זעלבע ביי א מצוה, אפילו ס׳איז וויניגער ווי א שיעור, איז דאס ווי עס וואלט געווען די גאנצע, לויט דעם שטימט דעם ב״י תירוץ, און וועגן דעם יעצט האט ער דאס יא אנגענומען.